# פרשת צו - שמיני ח׳ - כ״ח ניסן תשפ״א לפ״ק

***יום ראשון פרשת צו***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט״א** האפשערן של בן הר״ר **יוסף יהושע אדלער** הי״ו.

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט״א** לניחום אבלים אצל משפחת הר״ר **יוסף חיים ראזנער** ע״ה.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט״א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בת הר״ר **משה לעפקאוויטש** הי״ו, עב״ג בן הר״ר **אברהם מענצער** הי״ו.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט״א** לניחום אבלים אצל הרב **אליעזר פליישמאן** שליט״א שישב שבעה על פטירת אחיו הר״ר **אהרן יוחנן פליישמאן** ע״ה.

*

***יום שני פרשת צו***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט״א** אצל סעודת היארצייט של הר״ר **אברהם יעקב פריינד** ע״ה, שהתקיים באולם סעליש, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זיצט ביי א סעודת סיום לעילוי נשמת ר׳ אברהם יעקב זכרונו לברכה, אלע האבן דאך אים געקענט, וואס ער איז געווען א איש נחמד, טוב לשמים טוב לבריות. אין די גמרא (מסכת סופרים כא-ט) שטייט, גזירה על המת שישתכח מן הלב, ווען עס גייט אדורך א יאר, איז דא א גזירה אז ער ווערט נשתכח מן הלב. די וועלט זאגט, חבל על דאבדין ולא משתכחין (סנהדרין קיא.), א שאד איז די וואס גייען אוועק פון די וועלט, זיי ווערן נתאבד, אבער ולא משתכחין, מען קען זיי נישט פארגעסן. ער איז אוועק אזוי פלוצלינג, אין א זמן וואס דער מלאך המשחית האט נישט מבחין געווען בין טוב לרע.

**עס** שטייט אין פסוק אין קהלת (ז-ב), טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה, עס איז בעסער צו גיין צו א בית אבילות, ווי צו גיין צו א בית משתה, א פלאץ וואו מען קומט זיך צוזאם צו עסן און טרינקען פאר א שמחה, באשר הוא סוף כל האדם, דער בית אבל דערמאנט דעם סוף פונעם מענטש, והחי יתן אל לבו, אז דער וואס לעבט זאל געבן צו זיין הארץ, אז עס קומט אמאל א צייט וואס מען לאזט איבער די וועלט. די מפרשים שטעלן זיך, וואס איז דער לשון ׳והחי׳ יתן אל לבו, מען רעדט דאך פון א חי, א מת גיט שוין נישט אל לבו. ער וואלט געדארפט זאגן, ויתן אל לבו, וואס איז דער ׳והחי׳ יתן אל לבו.

**דער** ביידע דער **שאמלויא׳ער רב זצ״ל** שרייבט אין זיין ספר **אבני המקום** (אבן אופל אות קלט), אמאל איז דא וואס מען זאגט מוסר, און די מוסר גייט נישט אריין אין הארץ פון א מענטש, די הארץ איז פארהארטעוועט, נישט אייביג איז עס מקבל וואס מען זאגט. אבער עס איז דא א זמן וואס דאס הארץ פונעם מענטש ווערט צובראכן, און דעמאלטס איז א געלעגענהייט אז מען קען מעורר זיין און מוסר זאגן, ער איז אזוי איינזאם ביי זיך, אין א שפלות׳דיגער מצב. רשעים זענען קרויים מתים, אבער דער צדיק ווערט אנגערופן חי (ברכות יח:). זאגט דער פסוק, טוב ללכת אל בית אבל, עס איז גוט צו גיין צו א בית אבל, באשר הוא סוף כל האדם, ווייל עס ברענגט דעם מענטש ער זאל זיך מתבונן זיין אינעם לעבן. און דעמאלטס איז די צייט, אז והחי, דער צדיק, יתן אל לבו, זאל קענען אריינגעבן דעמאלטס אין די הערצער וואס הערן, די דברי מוסר וואס ער וויל זאגן.

**עס** קען אפשר זיין לענינינו. אין מדרש (קה״ר ז-ט) שטייט, אז והחי יתן אל לבו גייט ארויף אויפן אייבערשטען, וואס איז חי העולמים. טייטשט דער מדרש, טוב ללכת אל בית אבל, ווען מען גייט צו א בית אבל, גייט מען דאך גרינגער צו מאכן פאר דעם אבל, עס איז א ענין פון גמילת חסדים. זאגט דער מדרש, דעמאלטס ווען א מענטש טוט גמילת חסדים מיט א צווייטן, והחי, דער אייבערשטער, יתן אל לבו, גיט ער צו זיין הארץ, אז ער זאל אויך טון גמילות חסד מיט דעם וואס טוט חסד מיט א צווייטן.

**עס** קען זיין, ער זאגט חי העולמים, אז עס האט אפשר אן אנדערע כוונה אויך. דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש אויף די וועלט, כדי ער זאל טון מצות ומעשים טובים. יעדער האט זיין תפקיד פארוואס ער איז אראפגעקומען אויף דעם

עולם, וואס ער דארף אויפצוטון. און ווען עס קומט די צייט וואס א מענטש איז משלים זיין תפקיד, גייט ער אוועק פון די וועלט. יעדער איינער איז אנדערש אויסגעשטעלט, אונז ווייס מיר נישט קיין חשבונות פון אויבן, יעדענ'ס נשמה איז אנדערש, גלגולים און גלגולי גלגולים, וואס א מענטש האט מתקן צו זיין. דער **רמב"ם** שרייבט (באגרת לבנו), אשרי מי שחתמו ימיו במהרה, וואויל איז דעם וואס האט זיך שנעל משלים געווען. דאס לעבן דא אויף די וועלט איז א גשמיות'דיגע לעבן. א יוד שטארבט נישט, א יוד גייט נאר אוועק פון די וועלט. ער טוישט זיין דירה פון איין מקום צו א צווייטן מקום, פון א שוואכע דירה טוישט ער צו א שענערע דירה, און א העכערע דירה. א יוד לעבט שטענדיג, לעולמי עולמים. חיי עולם, זו חיי עולם הבא.

**אבער** די וועלט האט א מעלה און א חשיבות, יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא. עולם הבא איז זייער שיין און זייער פיין, אבער עס איז יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים, דאס לעבן אויף די וועלט, וואו מען קען טון מצות ומעשים טובים, איז מער חשוב פון חיי העולם הבא. חיי העולם הבא איז א זמן פון תענוג, אבער דינען דעם אייבערשטען, טון א נחת רוח מיט אן עבודת ה', דאס איז נאר שייך אויף די וועלט. ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט, איז במתים חפשי (תהלים פח-ו), כיון שמת אדם נעשה חפשי מן התורה ומן המצוות (שבת ל.). דאס לעבן האט א חשיבות, ווייל דא קען מען דינען דעם אייבערשטען. תענוג, איז יענע וועלט א גרעסערער תענוג ווי אויף דעם עולם. וועגן דעם איז מען מתפלל און מען בעהט אויף אריכות ימים ושנים, מען זאל לאנג לעבן וכדומה, ווייל יעדן טאג וואס א מענטש לעבט, קען ער טון מצות ומעשים טובים, וואס שפעטער קען ער עס נישט טון.

**עס** איז אבער דא א וועג ווי אזוי א מענטש זאל קענען לעבן שטענדיג, אפילו ווען ער גייט אוועק פון די וועלט, פון דעסטוועגן דאך קען ער נאך ווייטער אנהאלטן און דינען דעם אייבערשטען. כאטש ער אליין קען נישט, ער איז שוין אויף יענעם עולם, אבער אז מען לאזט איבער קינדער און אייניקלעך, און זיי גייען אין די וועגן פון די עלטערן, זיי גייען אין די וועגן וואס מען האט זיי מחנך געווען, איז יעדע מצוה וואס א קינד טוט, יעדע תורה וואס ער לערנט, יעדע תפלה און יעדע צדקה וואס ער טוט, ווערט גערעכנט פאר דעם וואס האט אים צוגעברענגט דערצו, ער זאל עס קענען טון. די עלטערן וואס האבן אים געברענגט אויף די וועלט, זיי האבן אים מחנך געווען, דאס איז אלץ זכותים וואס א מענטש האט שפעטער אויך. אפילו ווען ער קען נישט בפועל טון קיין מצוות, פון דעסטוועגן דאך קומט אים אייביג צו פרישע זכותים טאג טעגליך, ווי ער וואלט ווען געדינט דעם אייבערשטען. כאטש ער פערזענליך קען נישט דינען, אבער דער ברא כרעא דאבוה (עירובין ע:), א קינד איז דאך א חלק פונעם טאטען, אן אבר פונעם טאטען. דער אבר פונעם טאטען, דער טוט ווייטער ממשיך זיין און טון מצות ומעשים טובים.

**טוב** ללכת אל בית אבל, עס איז גוט אז מען גייט צו א בית אבל, מען זעהט באשר הוא סוף כל האדם, מען בלייבט נישט שטענדיג אויף די וועלט. און ביי דעם סוף ווען מען גייט אוועק פון די וועלט, דעמאלטס איז די צייט אז והחי יתן אל לבו, אז דער מענטש זאל געבן צו זיין הארץ, אז ער זאל קענען זיין א חי העולמים, ער זאל קענען לעבן אויף שטענדיג. ער קען דאך נישט לעבן, נאר די יארן וואס מען האט אים געגעבן, אבער עס קען אמאל זיין אז א מענטש קען זוכה זיין ער זאל זיין חי העולמים, אפילו ווען ער איז נישט אין דעם עולם, ער איז חי העולמי"ם, ער לעבט אין צוויי וועלטן. ער געפינט זיך אין א צווייטע וועלט, און א חלק פון אים דינט דעם אייבערשטען אויף די וועלט. און דאס איז די צייט, ווען א מענטש איז זיך מתבונן אז מען לעבט נישט שטענדיג, און מען וויל קענען דינען דעם אייבערשטען אפילו ווען מען גייט אוועק פון די וועלט, אז מען זאל קענען זיין א חי העולמים, קענען לעבן אויף ביידע וועלטן, יתן אל לבו, זאל ער געבן צו זיין הארץ, און טראכטן אז עס קומט אמאל א צייט וואס מען קען נישט דינען דעם באשעפער אליינס, אבער אז מען גיט זיך אוועק מחנך צו זיין ערליכע קינדער, ערליכע דורות, קינדער און אייניקלעך. עס האט נישט קיין שיעור, ביז משיח וועט קומען, איז דאך אלע אייניקלעך און אור אייניקלעך ווערן נפקד אויף דעם זכות פון דעם וואס האט עס צוגעברענגט דערצו. איז טוב ללכת אל בית אבל, עס איז גוט צו גיין צו א בית אבל, ווען מען איז

זיך מתבונן, באשר הוא סוף כל האדם, מער קיין מצות קען ער ווייטער נישט טון, עס איז דער סוף פונעם מענטש. אבער והחי יתן אל לבו, ער זאל געבן צו זיין הארץ, ער זאל קענען זיין א חי שפעטער אויך, ער זאל קענען זיין א חי העולמים, לעבן אויף ביידע וועלטן.

**רבי** אברהם יעקב ז"ל האט געהאט קורצע יארן, אבער ער איז חי העולמים, ער האט איבערגעלאזט קינדער און אייניקלעך יראים ושלמים. עס איז א חי העולמים, די מצות ומעשים טובים וואס מען טוט, דאס ווערט נמשך אויף שפעטער, אז מען לערנט און מען איז מסיים מסכתות, און מען איז מסיים ש"ס וכדומה, די אלע גוטע מעשים טוען צו העלפן דערצו, אז דער נפטר זאל האבן א זכות אפילו ווען ער געפונט זיך שוין נישט אויף די וועלט.

**עס** גייט אדורך א יאר, אבילות האט אויך א שיעור, מען טאר נישט מתאבל זיין מער וויפיל די חכמים האבן מתקן געווען אז מען דארף מתאבל זיין. דארט דארף טאקע זיין א גזירה על המת שישתכח מן הלב, דער חלק אבילות הערט זיך אויף בשעת עס ענדיגט זיך דאס יאר. אבער מען דארף ווייטער טון מצות ומעשים טובים, עס זאל קענען זיין לעילוי נשמתו. דער אייבערשטער זאל געבן, אז די נשמה זאל האבן אן עליה, די חשובע אלמנה זאל קענען דאס אדורכגיין און אדורכטראגן גרינגערהייט. די קינדער און די אייניקלעך זאלן שטענדיג געדענקען, אז זיי זאלן צוהעלפן דערצו אז דער טאטע און דער זיידע זאל קענען זיין א חי העולמים אויף שפעטער אויך.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אונז זאל מיר אלע האבן אריכות ימים ושנים, קענען דינען דעם אייבערשטען בחיים חיותינו. עס קומט אזא גרויסער יום טוב פון פסח, דאס איז דאך א יום טוב וואס עלטערן דארפן איבערגעבן פאר קינדער, והגדת לבנך, למען תספר באזני בנך ובן בנך. געדענקען שטענדיג אז קינדער דאס איז די איינציגסטע זאך וואס מען לאזט איבער אויף די וועלט, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות, ער האט זיך גארנישט מיטגענומען פון די וועלט, איין זאך האט ער דא, וואס דאס בלייבט אים אויף שטענדיג, דאס זענען די קינדער וואס מען האט מחנך געווען על דרכי התורה. עס קומט א זמן פון פסח, א זמן וואס עס שטייט אין הייליגע ספרים אז עלטערן האבן דעמאלטס א כח איבערצוגעבן פאר קינדער די הייליגע אמונה וואס מיר האבן פון יציאת מצרים, זאל מען קענען אויפשטעלן ערליכע יודישע דורות. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שלישי פרשת צו***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל מסיבת התנאים של בת הר"ר **ישראל אשר פראמאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מנחם מענדל וויינבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם זמר. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום חמישי פרשת צו***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יוסף בוכינגער** הי"ו.

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **שמואל פאפלאנאש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה. אחר כך הסיב לסעודת הברית, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** שטייט פאר דעם יום טוב פון פסח, רש"י (שמות יב-ג) ברענגט צו, אז דער קרבן פסח איז געווען מקחו מבעשור, וואס דאס גייט נישט אן נאר ביי פסח מצרים, ווייל יודען האבן נישט געהאט קיין זכותים מיט וואס מען זאל ארויסגיין פון מצרים, ואת ערום ועריה, האט זיי דער באשעפער געגעבן צוויי מצות, דם פסח און דם מילה. דם מילה זיי האבן זיך געמ'לט, און דם פסח, מען האט קושר געווען דעם קרבן פסח לכרעי המטה פון עשור לחודש, און מען האט זיך מטפל געווען דערמיט ביז ערב פסח. די מפרשים שטעלן זיך, וואס איז דער ענין פון די צוויי מצות וואס מען האט זיי געגעבן, אז זיי זאלן האבן א זכות.

**מען** געפינט ביי אברהם אבינו האט דער אייבערשטער אים מנסה געווען מיט צען נסיונות. יעדע נסיון איז א העכערע מדריגה פון וואס ער איז געווען פריער. דו ביסט אדורכגעקומען דאס ערשטע, איך וועל דיך פרובירן יעצט מיט א שווערערע זאך, די צווייטע, די דריטע. די לעצטע נסיון איז געווען עקידת יצחק, ער האט גענומען זיין זון, און ער איז געווען גרייט אים מקריב צו זיין פאר א קרבן. דאס מיינט אז דאס איז געווען די העכסטע נסיון וואס אברהם אבינו האט אדורכגעלעבט. אברהם אבינו האט געהאט פאר דעם א נסיון, ער האט זיך אריינגעווארפן לתוך כבשן האש, ער האט זיך אליין פארברענט. וואס איז דער נסיון פון שפעטער גרעסער פון דעם נסיון וואס ער האט שוין געהאט פאר דעם. ער האט זיך אליין פארברענט, און דא בלייבט ער לעבן, און ער שחט נאר א קינד פארן אייבערשטען. פארוואס ווערט עס גערעכנט פאר א גרעסערן נסיון.

**דער** ביאור דערפון איז, עס איז דא אמאל א מענטש וואס איז זיך משלים, און ער קומט צו, צו די העכסטע מדריגה. דאס איז נישט גענוג. אבער אז דער אייבערשטער גיט פאר א מענטש דורות, קינדער, איז ער מחוייב מחנך צו זיין די קינדער, אז זיי זאלן גיין אויפן ריכטיגען וועג. ער האט נישט קיין השלמה פאר זיך אליין, ביז ער האט נישט משלים געווען אז ער האט אויפגעשטעלט א דור וואס זיינע קינדער גייען אין דעם זעלבען וועג וואס זיינע עלטערן פירן זיך.

**אברהם** אבינו איז נתנסה געווארן מיט מערערע נסיונות, און יעדער נסיון איז געווען ביי אים א העכערע מדריגה אין עבודה ה', וואס איז נוגע פאר אים אליין, און ער איז צוגעקומען צו די העכסטע מדריגה. דאס איז אבער נאכנישט גענוג, ביז אונז זעה מיר נישט אז ער האט א זון יצחק, וואס יצחק איז זיך אויך גרייט מוסר נפש צו זיין פארן אייבערשטען, איז נאכנישט דא א השלמה אין אברהם אבינו. ווען איז נשלם געווארן דער נסיון פון אברהם אבינו. אז מען זעהט אז זיין קינד יצחק איז זיך גרייט מקריב צו זיין פארן אייבערשטען, דארט איז נשלם געווארן דער נסיון פון אברהם. - די נקודה איז נישט אז אברהם איז געגאנגען שחט'ן זיין קינד, ער האט זיך דאך אליין אויך געלאזט שחט'ן. די נקודה איז, אז דו האסט א קינד וואס קען מעכב זיין ביי די זיבן און דרייסיג יאר, אז איך גיי זיך נישט לאזן שחט'ן, און פון דעסטוועגן דאך מיט איין ווארט איז ער געווען גרייט זיך צו לאזן שחט'ן פארן אייבערשטען, דאס איז די חשיבות פונעם נסיון וואס די עקידה איז געווען העכער פון די פריערדיגע.

**על** כל פנים תמצית הדברים איז, אז א מענטש איז נישט יוצא ידי חובתו וואס ער טוט אליין, נאר ער דארף זעהן ממשיך צו זיין פאר די דורות שפעטער. און פארדעם האט דער אייבערשטער געגעבן מצות מילה, עס איז א מצוה וואס ליגט טאקע אויפן טאטען מקיים צו זיין, אבער ער נעמט זיין קינד און ער איז אים מכניס בבריתו של אברהם אבינו. נישט ער איז זיך מכניס בברית, נאר ער נעמט דאס קינד, און ער איז אים מכניס בבריתו של אברהם אבינו. און ער פארגיסט בלוט פונעם קינד, צו ווייזען אז א מענטש דארף האבן מסירת נפש פארן אייבערשטען. מצות מילה דאס איז א מצוה וואס גייט אריבער מחנך צו זיין, זיין קינד אויך, אויפן דרך התורה.

**פסח** האט מען קושר געווען לכרעי המטה, רש"י (בראשית מח-לא) זאגט, וישתחו ישראל על ראש המטה, ער האט זיך געבוקט, על שהיתה מטתו שלימה. די קינדער פון א מענטש ווערן אנגערופן מטה. ער האט זיך געבוקט אז זיין מטה איז גאנץ. ווען מען האט גענומען דעם קרבן פסח, איז דאך געווען משכו ידיכם מעבודה זרה, וקחו לכם צאן של מצוה (שמות יב-ו), עס איז נישט גענוג וואס דו ביזט משכו ידיכם מעבודה זרה, און דו נעמסט צאן של מצוה, נאר מען דארף קושר זיין דעם קרבן פסח לכרעי המטה, צו די דורות שפעטער. ברא כרעיה דאבוה, און די דורות ווערן אנגערופן מטה. האט מען קושר געווען דעם קרבן פסח צו די כרעי המטה, צו ווייזען אז נישט נאר אונז אליין דינען מיר דעם אייבערשטען, נאר בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, נישט נאר אונז אליין וועל מיר דינען דעם אייבערשטען, נאר מיר וועלן עס איבערגעבן פאר אונזערע דורות. מילה גיט מען איבער פאר א קינד, און קרבן פסח האט מען קושר געווען לכרעי המטה, צו ווייזען אז די דורות שפעטער, זאלן ווייטער ממשיך זיין.

*

בשעות אחר הצהרים מכר **רבינו שליט"א** את החמץ להגוי, בנוכחות **הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א, הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א, הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי, **הרה"ג רבי אפרים צבי ראזענבערג שליט"א** דומ"ץ צמח צדיק וויזניץ וומסב"ג.

כעשרים דקות אחר השקיעה הלך **רבינו שליט"א** לשאיבת מים שלנו על יד בית האופה דסאטמאר (בראדוועי). בעת השאיבה אמר **רבינו שליט"א** אותיות הא"ב כמבואר בספר **קב הישר** (פרק צ'). אחר כך שאבו בני המשפחה ואנשי שלומינו שנוכחו במקום.

*

***ערב שבת פרשת צו***

בשעת חצות הלך **רבינו שליט"א** לאפיית מצות מצוה בבית האופה דסאטמאר (בראדוועי). אחר **שרבינו שליט"א** נתן המים להקמח לשם מצות מצוה, פתח באמירת הלל בהתעוררות עצומה ובבכי רב. **רבינו שליט"א** המשיך גם בהכנסת המצות לתנור ברגשי קודש.

*

***שבת קודש פרשת צו – ערב פסח***

תפלת שחרית התפללו בשעה שש וחצי. אחר התפלה ערך **רבינו שליט"א** סעודת שבת, וחלק את הסעודה לשנים, ויצא אחר ברכת המזון לטיול קצר להפסק, ושוב נטל ידיו לסעודה שלישית, ואכל עוה"פ דגים בסעודה שלישית. - בשעות אחר הצהרים הסיב **רבינו שליט"א** לאכילת פירות לכבוד סעודה שלישית (לצאת ידי חובת סעודה שלישית אחר זמן מנחה גדולה כמבואר בפוסקים).

אחר תפלת מנחה דרש **רבינו שליט"א** דרשת הכנה לחג הפסח.

*

***חג הפסח***

בלילי חג פסח זכו מספר מצומצם מבחורי ישיבתנו הק' ובחורי אנ"ש להסב אצל הסדר של **רבינו שליט"א. רבינו שליט"א** השמיע לפניהם בתוך הדברי תורה דברי הדרכה והתעוררות (נדפס בגליון דברי תורה).

*

***יום חמישי – ג' דחול המועד***

בשעות לפני הצהרים הגיע **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** לבקר אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**הגה"צ מסערדאהעלי** (אחר ששאל בשלום רבינו, שנחלה בימי חוה"מ במחלת הרוי"ז ל"ע): איך קום יעצט פון א ברית, די כח פון אליהו הנביא, און די כח פון ברית מילה אליין..

איך האב געהערט אמאל פונעם **נייטרא רב** ביי א ברית, ער האט נאכגעזאגט פון **רבי יוסף חיים זאנענפעלד**, אז די גמרא (מגילה יז:) זאגט, מה ראו לומר רפואה בשמיני, מתוך שניתנה מילה בשמינית, שצריכה רפואה, לפיכך קבעוה בשמינית. האט ער געזאגט, לעולם איז דא א קשיא, מען בעהט דעם אייבערשטען 'רפאנו'. פארוואס בעהט מען נישט אז דער אייבערשטער זאל אוועקנעמען אז מען זאל נישט זיין קראנק. אלע זאלן זיין געזונט, וועט נישט אויספעלן קיין רפואה. עס איז אבער דא איין קראנקהייט, וואס יעדער יוד מוז אדורכגיין, דאס איז די ענין פון ברית מילה, וואס דער אייבערשטער האט געגעבן, על בריתך שחתמת בבשרנו, און דארט מוז מען דאך מתפלל זיין אויף רפואה, און אגב דעם האט מען מתקן געווען אז מען זאל מתפלל זיין אויף א רפואה. מה ראו לומר רפואה בשמינית, מתוך שניתנה מילה בשמינית, 'שצריכה רפואה', דארט קענסטו נישט מתפלל זיין אז מען זאל זיין געזונט, עס מוז דאך האבן א רפואה, און אגב דעם האט מען שוין קובע געווען די תפלה אויף רפואה. - קומט אויס לויט דעם, אז מילה ברענגט אויך א ענין פון רפואה.

**רבינו:** עס דא די מעשה פון **רבי שלמה קלוגער**, אז ער האט געהייסען מען זאל מאכען דעם ברית תיכף, ווייל אז אליהו הנביא וועט קומען צום ברית, וועט ער שוין ברענגען א רפואה פארן פאטער אויך[א].

---

[א] נעתיק מדברי **רבינו שליט"א** (שמן ראש ח"א השלם במדבר דף תנט) וז"ל: הנה בגמרא (מגילה יז:) מה ראו לומר רפואה בשמינית (בתפלת שמונה עשרה), אמר רבי אחא מתוך שניתנה מילה בשמינית שצריכה רפואה לפיכך קבעוה בשמינית ע"ש. ואמרתי מכבר על פי מה שמספרים **מהגה"ק רבי שלמה קלוגער זצ"ל** כי בתחלת ביאתו לבראד נתכבד פעם בסנדקאות, ואמרו לו שהברית מילה תהיה רק לעת ערב, ושאל הלא זריזין מקדימין למצות, והשיבו לו שהאבי הבן הוא חולה נטה למות, וכנראה ששעותיו ספורים, על כן הם רוצים לעשות הברית לעת ערב כדי שיוכלו ליתן להבן שם אביו. ועל זה ענה שאדרבה יקדימו לעשות הברית תיכף בהנץ החמה, והשי"ת ישלח עזרו מקודש וירפא את האב בזכות המצוה. ועשו כדבריו למול הילד בבוקר, והאב התחיל להתרפא

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער **תולדות יעקב יוסף** שרייבט, וירא אליו ה' (בראשית יח-א), עס איז געווען שלישי למילה, ער האט זיך גע'מל'ט, און אלע בני ביתו נמולו אתו, יעדער האט זיך גע'מל'ט. וועט מען דאך מיינען אז אזוי ווי מען האט זיך גע'מל'ט, און מען איז קראנק געווארן וועגן דעם אייבערשטען, איז דער אייבערשטער געקומען מבקר חולה זיין. דער אייבערשטער וואלט נישט געקומען סתם אזוי צו קיין איינער פון די אלע חברה דארט, נאר צו אברהם אבינו, אליו, דוקא צו אים איז דער אייבערשטער געקומען. אבער היינט, זאגט ער, אז מיר זענען שוין קינדער פון אברהם אבינו, ער האט שוין ממשיך געווען אין אלע זיינע קינדער, קומט אויך דער אייבערשטער, אדער ער שיקט א מלאך. אבער מלכתחילה וואלט דער אייבערשטער נישט געקומען. אבער אליו, צו אים, איז דער אייבערשטער געקומען. און דאס האט שוין ממשיך געווען, אז דער אייבערשטער זאל אויסהיילען יעדן איינעם.

דער פעטער דער **קאטמונ'ער רב** האט מיר אמאל געזאגט, אז דער **גערער רבי**, דער **בית ישראל**, איז אמאל געקומען באזוכן זיין שווער (**הגאון רבי דוד שפערבער זצ"ל אב"ד בראשוב**), וואס איז נישט געווען געזונט. און ער איז אנגעקומען פלוצלונג, ער האט נישט אנגעזאגט אז ער קומט. האט דער **בראשוב'ער רב** געזאגט, דער גערער רבי איז געקומען?! האט ער געזאגט, רש"י זאגט, וירא אליו ה', לבקר את החולה. רש"י האט א דיוק פארוואס שטייט נישט וירא ה' אל אברהם, אזוי ווי עס שטייט אין די גאנצע תורה. האט ער געזאגט, ווען דער אייבערשטער זאל שרייבן וירא ה' אל אברהם, וואלט איך געמיינט אז צו אזא יוד ווי אברהם אבינו, צו אזא יוד דארף מען גיין, אבער סתם א קראנקער מהיכי תיתי. זאגט דער פסוק וירא אליו ה', אן א נאמען, אז עס איז דא עפעס א חולה, דארף מען גיין באזוכן. און כל שכן ווען עס איז דאביידע כוחות, איז אוודאי אז מען איז ראוי לרפואה.

א טייל טייטשן, יתלה בביטול תורה (ברכות ה.), מען זאל תולה זיין, אז מען קען נישט לערנען, און מען קען נישט דאווענען, און אזוי מוז דער אייבערשטער שיקן א רפואה, מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען געהעריג.

*

**רבינו:** וואס איז דער ענין וואס דער **טאטע ז"ל** האט מקפיד געווען, אז ווען א כלה גייט צו די חופה, זאל נישט זיין געפלאכטען די האר, עס זאל נישט זיין קיין נאדלען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ווייל עס שטייט אין די משנה (כתובות טו:) אז א כלה גייט ארויס ראשה פרוע.

**רבינו:** ראשה פרוע איז אנגענומען אז דער טייטש איז, אז עס זאל נישט זיין קיין נאדלען אין די האר?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס זאל נישט זיין קיין טשא"ט, עס זאל גארנישט זיין. מען האט אלעס ארויסגענומען. - מען גייט היינט אויפגעדעקט ממילא, און אמאל איז א מיידל אויך נישט געגאנגען צוגעדעקט, נו וואס איז דער טייטש אז א כלה גייט ארויס ראשה פרוע, איז דער טייטש, אז עס דארף זיין צופלאסען. עס שטייט דאך אין **מגן אברהם** (סימן עה סק"ג) אז טאמער די האר איז נישט צוזאמגענומען, טאר מען נישט זאגען א יודישווארט, אפילו אקעגן א מיידל. - יארן יארן האב איך מקפיד געווען דערויף ביי די כלות (לסתור קליעת שערות הכלות לפני החופה).

**רבינו:** פארוואס האבן אלע אנדערע רבי'ס נישט מקפיד געווען דערויף. זיי האבן דאך געהאט הונדערטער סידור קידושין'ס.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז נישט קיין ראיה. - יארן לאנג האב איך מקפיד געווען, שפעטער האב

---

לאט לאט עד שחזר לאיתנו. ותהום כל העיר מהמופת וצדקתו של הרב.

ואמר להם בענוות קדשו, כי למד לעשות כן מהתורה. שמצינו באברהם שבאו אליו שלשה מלאכים (בראשית יח-א), אחד לרפא את אברהם, ואחד לבשר את שרה, ואחד להפוך את סדום, כי אין מלאך אחד עושה שתי שליחות. ואף על פי כן אותו מלאך שריפא את אברהם הציל גם את לוט. וכבר הקשו דאיך עשה אותו מלאך שני דברים, ותירצו דרפואה והצלה חדא מילתא. ולכאורה וכי חסרים מלאכים למעלה לשלוח גם ללוט מלאך מיוחד. אבל באמת הדבר נכון, כי לוט לא היה ראוי לשלוח מלאך להצילו, אבל כיון שממילא הוצרך מלאך לרדת לרפואת אברהם, אז דרך אגב יוכל גם לוט לזכות להצלה. וכמו כן סיים, חשבתי אולי האב אינו ראוי לשלוח מלאך רפאל אליו לרפאותו במיוחד, אבל אם ימולו בנו ויצטרך לירד לרפאות הבן שלא טעם טעם חטא, ממילא דרך אגב יוכל גם האב לזכות לרפואה עכ"ד ודפח"ח. ולכן קבעו ברכת הרפואה בשמינית, כי אולי החולה אינו ראוי מצד עצמו שישלח הקב"ה מלאכו לפניו לרפאותו, אבל מתוך שניתנה מילה בשמינית שצריכה רפואה, דרך אגב יוכל כבר כל חולה לזכות לרפואה ע"כ.

איך אויפגעהערט. איך געדענק שוין נישט וואס עס האט מיך געברענגט דערצו. - ביי די קינדער בין איך מקפיד, און דארט וואו מען פרעגט מיך. דער טאטע האט מיר געזאגט במפורש, אז דער טעם איז אלץ ראשה פרוע. און זעהט זיך אויס אז מען האט זיך אזוי געפירט, ער האט אויך נישט מחדש געווען פון זיך אליין[ב]. - עס איז היינט דא א גרויסע מבוכה, אסאך כלות גייען אויפגעדעקט ביי די סעודה.

**רבינו:** די אלע מיידלעך וואס דרייען זיך אין שטוב און עס איז נישט צוזאמגענומען די האר, טאר מען נישט זאגן א ברכה אקעגן זיי?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז א מאדערנע זאך וואס איז היינט געווארן, אזוי ווי אלע זאכען. אינדערהיים איז מען געגאנגען מיט צעפ. מען איז אומזיסט געגאנגען מיט צעפ?!, מען האט נישט געוואוסט די חכמה פון נעמען א טשא"ט, און ארומנעמען, אדער שיין מאכען אפילו פשוט. די חכמה האט מען געוואוסט פאר דעם אויך. דער לשון פונעם מגן אברהם איז 'קליעה'. און היינט איז מען געווארן קלוגער, אז עס פעלט נישט אויס דוקא קליעה, ער מיינט נאר אז עס זאל נישט זיין צופלאסען. און אז עס איז שיין אפילו פשוט גראד אפגעקעמט, איז אויך גוט. - עס איז נישט קיין הכרח אין מגן אברהם, אפשר איז די כוונה אז עס מוז זיין דווקא קליעה, עס מוז זיין ממש צוזאמגענומען. דאס וואס מען פירט זיך היינט איז א נייע ערפונדונג. מען קען עס נישט אפווענדן אינגאנצן, אזוי ווי אלע היינטיגע זאכען.

**רבינו:** ווען א מיידל שטייט אויף צופרי, און זי האט זיך נאכנישט געמאכט די האר, טאר מען נישט זאגען א יודיש ווארט אקעגן איר?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אפשר.

**רבינו:** איך האב נישט געהערט מדקדק זיין ווען א יוד האט א שטוב מיט מיידלעך, און די האר איז נאכנישט געמאכט, אז עס זאל זיין אזוי הארב (מה שכתב המג"א דצריכין הבתולות לקלוע שערות ראשן), אז מען זאל נישט מעגן זאגן א דבר שבקדושה.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער קען זיך אויסדרייען צום וואנט. און ביי קידוש זענען שוין אלע אנגעטון. ווי איז דאס אזוי נוגע.

**רבינו:** ער עסט פרישטאג, און די מיידלעך דרייען זיך נאך אין שטוב.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דאס איז זיכער אז ווילאנג מען האט זיך נישט צוזאמגעקעמט די האר, און געמאכט שיין צוזאמגענומען, איז דא דער מגן אברהם אז מען טאר נישט זאגען א יודיש ווארט. די פוסקים זענען עס מעתיק.

*

**רבינו:** עדות פון קידושין. צוויי עדות זעהען ווי אזוי דער חתן גיט איבער די רינגל פאר די כלה. אז דו וועסט זיי פרעגן דריי מינוט שפעטער, ווער האט דא געגעבן קידושין, וועט ער נישט וויסן צו ענטפערן. איז דאס א עדות?

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז דער זעלבער עדות וואס איז אמאל געווען פון משה רבינו. ער זעהט די זעלבע עדות.

**רבינו:** ער זעהט די זעלבע עדות, אבער ער קען נישט מעיד זיין. ער האט נישט וואס מעיד צו זיין. ער קען נאר מעיד זיין אז די צוויי גופים האבן זיך מקדש געווען.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** און וואס איז געווען אמאל?

**רבינו:** קען זיין אז ער האט געוואוסט. עס איז געווען א שטעטל, און ער האט געוואוסט אז דאס איז יעקב און דאס איז רחל.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ווען ער קומט צו די חתונה ווייסט ער אויך, אז דער חתן הייסט יענק'ל פריעדמאן, און דער הייסט אזוי.

**רבינו:** ער ווייסט דאס אויך נישט. ער קען דעם טאטן, און ער איז געקומען אלץ דעם טאטן.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער ווייסט די טאכטער פון יעקב פריעדמאן מיט די זון פון דעם און דעם.

**רבינו:** איין זייט ווייסט ער, אבער די אנדערע זייט ווייסט ער דאס אויך נישט. ער ווייסט נישט ווער דער מחותן איז.

**הרה"ג רבי שלמה זלמן כ"ץ שליט"א** (בן הגה"צ מסערדאהעלי): איך בין געווען איינס צוויי מאל ביי דעם **פאפא רב** חופה'ס, און ער רופט אויס.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ער רופט אויס ווער עס זענען די עדי קידושין.

**רבינו:** ער זאגט נאכדעם פאר די עדות, אז דו זאלסט זיין עדות, אז דער חתן וואס הייסט אזוי און אזוי, איז מקדש די כלה וואס הייסט אזוי און אזוי[ג].

---

[ב] עיין **במנהגי מהרי"ל**, ובספר **ליקוטי מהרי"ח** ח"ג בסופו (במנהגי נישואין).

[ג] ובשו"ת **אגורה באהלך** (להגה"צ רבי יעקב יצחק ניימאן זצ"ל אב"ד בעלזא מאנטריאל, חלק אבן העזר סי' מח) כתב שלכן

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דאס האב איך נישט געהערט.

**רבינו:** און דאס העלפט אויך גארנישט. צוויי מינוט שפעטער ווען דו וועסט אים איבערפרעגן (עוד לפני הקידושין), ווייסט ער אויך נישט. יעקב בן משה, און חנה בת ..

**הגה"צ מסערדאהעלי:** עס איז א גוטער עדות. די גמרא זאגט, אז מען קען געדענקען ביז פופציג יאר, ביז פינף און צוואנציג. און נאכדעם געדענקט ער נישט. צוויי עדות וואס האבן תם קעפ קענען נישט מעיד זיין?!, עס איז א גוטע זאך דאס (לומר להעדים שם החתן והכלה), איך האב עס נישט געהערט. געווענליך ווייסט ער כאטש אז עס איז דער זון פון יעקב, און די טאכטער פון דעם און דעם, איז אויך גוט.

**רבינו:** זייט איך האב דאס געהערט פונעם פאפא רב, איז טאמער זענען זיי עדי כתובה און אויך עדי קידושין, ביי די כתובה דארפן זיי וויסן וואס זיי שרייבן אונטער, זאג איך זיי אז עטץ זענטס עדות אז די צוויי נעמען וואס שטייט דא, דער חתן הייסט אזוי, און די כלה אזוי, און עטץ זענטס עדות אויף די כתובה, און אויף די קידושין שפעטער[ד].

**הגה"צ מסערדאהעלי:** אטייל האלטן אז מען זאל מהדר זיין נישט צו נעמען די זעלבע.

די היינטיגע רבי'ס זענען נישט קיין מסדר קידושין'ס. זיי זענען מסדר א ברכה. ער טוט א טובה פארן חתן, דער חתן געדענקט נישט אויסנווייניג די ברכה, איז ער מסדר די ברכה. אין **רמב"ם** (הל' אישות ג-כג) שטייט, המקדש אשה וגו', מברך ברוך אתה ה' און די גאנצע ברכה[ה], און ער טוט אים א טובה און ער זאגט די ברכה. ער איז נישט מסדר קידושין.

עס האט מיר דערציילט רבי פישל בראך, ער האט געהערט פונעם **פאיע רב.** דער פאיע רב מיט זיין פאטער זענען געווען שטארקע אנהענגערס פונעם **נאסויד'ער רב.** ער איז געווען א אויסטערלישער מענטש. דער נאסויד'ער רב איז געווען ערגעץ אין שטאט אונטערפירער, און ווען מען האט שוין געהאלטן אט אט פאר די חופה. האט ער זיך מיישב געווען אז ער וויל גיין אין מקוה. איז ער געגאנגען אין מקוה, און מען האט געקלערט אז ביני לביני וועט מען גיין צום באדעקן, אזוי אז ווען ער וועט אנקומען וועט מען קענען תיכף גיין צו די חופה. ווען ער איז אנגעקומען זענען שוין חתן כלה געגאנגען צום חופה. זאגט ער, אז עס שטייט אין שלחן ערוך, אז די שושבינין גייען צום באדעקן. און ער איז דאך שושבינין, וואס הייסט מען איז שוין געגאנגען צום באדעקן אן די שושבינין. זאגט אים דער מחותן, שוין מען האט נישט געוואוסט. זאגט דער נאסוידער רב, פאר א זאך וואס שטייט אין שלחן ערוך לאז איך מיך שחט'ן. די כלה זאל זיך צוריקזעצן, און מען וועט מאכען דעם באדעקן, און ער איז דער שושבינין, און ער וועט מיטגיין צום באדעקן. און מען האט געמוזט צוריקזעצן די כלה. אויך פלעגט ער זיך נוהג זיין, אז דארט וואו ער איז געווען דער שושבינין, ביינאכט נאך די סעודה האט ער אהיימגעטראגען די חתן צו זיין שטוב. ער איז מיטגעגאנגען ביז צום שטוב, ער איז דער שושבינין. ער האט געברענגט צו די חופה, און געטראגען אהיים. - דאס הייסט א מסדר קידושין, ער טוט פון קאפ ביז פוס. נישט אז מען קומט ווי א שיינער יוד, און ער זאגט די ברכה. ער האט גארנישט מסדר געווען די קידושין.

**רבינו** (בצחות): מען קען האבן צוויי סידור קידושין'ס ביי איין חתונה... פאר איינעם גיט מען מסדר צו זיין די קידושין, און פאר איינעם גיט מען די ברכה. עס איז צוויי כיבודים.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** דער שמש איז דער מסדר קידושין, און דער רבי זאגט די ברכה...

**ואיחל הגה"צ מסערדאהעלי:** דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל האבן א רפואה שלימה, און מען זאל זיין געזונט און שטארק אויף אלע רמ"ח אברים און שס"ה גידים, יהיב ליה ידיה ואוקמיה (ברכות ה:), מצה איז דאך מיכלא דאסוותא.

**רבינו:** עס איז אנגעקומען נאכדעם.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** ווער ווייסט ווי אזוי עס וואלט ווען אויסגעקוקט אן די מצה, דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען.

**הרה"ג רבי יואל משה מרדכי:** לכבוד דעם האט מען נישט געהאט קיין פיבער.

---

צוה רבו הגה"ק מפאפא זצ"ל שילכו העדים להבאדעקן שיוכלו להעיד את מי קידש החתן ע"ש עוד.

[ד] ועיין בכל זה **בפתחי תשובה** (אבה"ז סי' לא סק"ה), ובספר **אוצר הפוסקים** (סי' מב סקל"ב אות כב ואילך) שהביא חבל פוסקים שנחלקו ודנו בזה.

[ה] זה לשון הרמב"ם: כל המקדש אשה, בין על ידי עצמו בין על ידי שליח, צריך לברך קודם הקידושין, או הוא או שלוחו, כדרך שמברכין על כל המצות, ואחר כך מקדש וכו'. כיצד מברך, ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו והבדילנו מן העריות ואסר לנו את הארוסות וכו'.

**הגה"צ מסערדאהעלי:** מען איז אפגעקומען מיט חולשא. - א רפואה שלימה און א גוטן יום טוב, מען זאל זיך זעהן מתוך שמחה.

*

***שבת קודש – שביעי של פסח***

בליל שביעי של פסח ערך **רבינו שליט"א** את השלחן בבית מדרשנו. אחר שזימרו ניגונים לכבוד החג ולכבוד שבת השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בענין ניסי קריעת ים סוף. אחר כך אמר **רבינו שליט"א** שירת הים פסוק בפסוק, ובסיום השירה רקדו כל הקהל ניגוני שמחה לכבוד היום. אחר ברכת המזון עברו קהל אנ"ש לקבל מצה (ביזת הים) מאת **רבינו שליט"א**.

*

***יום ראשון – אחרון של פסח***

בשעות הערב נטל **רבינו שליט"א** ידיו לסעודת נעילת החג. אחר שזימרו כל סדר ההגדה המשיכו לזמר ניגוני התעוררות ודביקות.

אח"כ השמיע רבינו שליט"א מדברות קדשו בגודל קדושת החג, ובסגולת הימים להכניס אמונה ובטחון בלב האדם. וסיים דבריו בדברי מוסר והתחזקות בכמה ענינים, וזה תוכן דבריו:

**מען** געזעגנט זיך פון דעם יום טוב, מען האט פריער גערעדט, יום טוב האט געדארפט אריינברענגען אין א יוד אמונת ה', בא חבקוק והעמידן על אחת, וצדיק באמונתו יחיה. ווען ביי א יוד לייכט די אמונה, עס לייכט ביי אים אז עס איז דא א בורא עולם, עס איז דא א באשעפער וואס האט באשאפן די וועלט. און נישט נאר ער איז א בורא עולם, ער האט עס באשאפן, נאר ער איז א מנהיג העולם, ער האט נישט נאכגעלאזט, פון די בריאה אן האט ער נישט אוועקגעלייגט די וועלט אין א זייט, און איבערגעגעבן פאר אנדערע זאלן עס פירן, פאר טבע, צו פאר מלאכים, פאר ממונים וכדומה, נאר עס איז אלץ דא א השגחה פרטית פונעם אייבערשטען! ווען דער אייבערשטער וויל, איז ער מחליף את הזמנים, ומסדר את הכוכבים, ער איז משדד די מערכת הטבע. ווען דאס לייכט ביי אים, אלץ איז פאר זיינע אויגן דער שויתי ה' לנגדי תמיד, עס איז דא א באשעפער וואס פירט אלעס, עס איז נישט דא קיין זאך וואס מאכט זיך פון זיך אליין, אלעס איז מיט א חשבון אויסגערעכנט, אמאל פארשטייט ער עס, און אמאל פארשטייט ער עס נישט. און ער וויל אפילו נישט פארשטיין, עס אינטערעסירט אים נישט צו פארשטיין. אז דער אייבערשטער טוט אזוי, ווארפט ער זיך אונטער אונטערן באשעפער, ער איז מקבל אלעס ווי אזוי דער אייבערשטער פירט זיך מיט אים. אזוי שטייט דאך אין חז"ל (ברכות נד.), חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה, לקבלינו בשמחה! א יוד איז מחויב צוצוקומען צו די מדריגה, אז וואס דער אייבערשטער פירט, וועל איך עס מקבל זיין בשמחה. און דאס איז דער יום טוב פון פסח, א גאנצע וואך האט מען געלעבט אין די אמונה פון יציאת מצרים, עס דארף לייכטן ביי א יוד דער חלק אז דער אייבערשטער פירט מיך! איך האב א בעל הבית אויף מיר, דער אייבערשטער פירט אלע מיינע געשעפטן, אלעס וואס איך דארף צו האבן פירט דער אייבערשטער, אמאל פארשטיי איך עס, און אמאל נישט, אבער איך בין עס מקבל אזוי ווי עס איז.

**ווען** א מענטש לעבט מיט דעם, פארשפארט ער זיך אזויפיל צער און עגמת נפש און חלישת הדעת וואס גייט אדורך פאר א מענטש איבערן טאג, זה בכה וזה בכה. יעדע זאך ווייסט ער, אז עס קומט פונעם אייבערשטען, און ער איז עס מקבל, אזוי האט דער אייבערשטער געוואלט, נעמט ער עס אן באהבה. וויפיל מאל זעהט מען וואס מען איז זיך מצער, און צום סוף שטעלט זיך אויס, אז דאס איז געווען פאר אים די גרעסטע טובה וואס דער אייבערשטער האט געטון, ווייל אונז קען מיר נישט פארשטיין דרכי ה'. און דאס איז דער יום טוב פון פסח, אריינצונעמען אין זיך די אמונת ה'.

**און** דאס אלעס קומט בעיקר ארויס ביי א יוד, בשעת ער דאווענט. ווען א יוד ווייסט אז אלעס איז פונעם אייבערשטען, כאפט ער נישט אפ קיין דאווענען, און עס איז נישט ביי אים קיין עול זיין דאווענען, ווייל ער ווייסט אז אלעס באקום איך פונעם אייבערשטען. איך גיי היינט ארויס צו מיין ארבעט, ווער ווייסט ווי אזוי דער טאג וועט אדורכגיין, וויפיל עגמת נפש קען זיין, און וויפיל קען איך עס שפארן. און דאס געשעהנט נישט אינדרויסן

אין די ארבעט, דאס געשעהנט אין בית המדרש, אין די שעה בעפאר דו גייסט ארויס ארבעטן. ווי אזוי דיין דאווענען וועט אויסקוקן, ווי אזוי דו וועסט דיר אויסגיסן דיין הארץ פארן אייבערשטען, ווי אזוי עס וועט אנגענומען ווערן דיינע תפלות, דארט ליגט דיין גאנצע הצלחה פונעם טאג. און דעמאלטס דאווענט זיך אנדערש, און ער איז מיטן גאנצן הארץ ביים דאווענען, און דאס איז די צייט וואס דער בורא עולם לייכט ביי א יוד.

**און** פון וואס רעדט מען, מען רעדט נישט פון דאווענען שעות, וואס מען איז נישט דערביי. שטאט דאווענען מיינט צו זאגן, אז די שמונה עשרה נעמט צוויי מינוט לענגער, האט ער שטאט געדאווענט. פסוקי דזמרה האט גענומען דריי מינוט לענגער, די ברכת יוצר האט גענומען נאך דריי מינוט לענגער. מען רעדט פון מינוטן, אבער די פאר מינוט וואס ער גיט צו, גיט אים די געלעגענהייט ער זאל זיך קענען מתבונן זיין אין וואס ער זאגט, און טראכטן אין וואס ער זאגט, און נישט אפכאפן די ווערטער, און דורכדעם קומט ער צו, אז אין משך פון דעם טאג זאל לייכטן ביי אים די אמונת ה'.

*

**יעדער** יוד שטייט יעצט אין א געוואלדיגע מדריגה. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז דער יום טוב פון פסח איז נישט נאר א גאולה וואס איז געווען אמאל, און מיר זענען חוגג א גאולה וואס איז געווען מיט טויזנטער יאר צוריק. נאר ביי יעדן יוד איז דא יציאת מצרים אין פסח, ביי יעדן יוד איז דא א גאולת הנפש, וואס ער ווערט אויסגעלייזט. ער מוז עס נישט שפירן, א גאולה מוז מען נישט שפירן, אבער ער ווערט אויסגעלייזט אפילו ער שפירט עס נישט. ווען יודען זענען ארויס פון מצרים, און א יוד איז איינגעשלאפן, ער האט גארנישט געשפירט אז עס איז א גאולה, איז ער אויך געווארן אויסגעלייזט. ביי יעדען יוד איז דא א גאולה אינעם יום טוב פון פסח, אונזער נשמה איז אויסגערייניגט געווארן אין משך פונעם יום טוב, און מיר שטייען אויף א העכערע מדריגה, צו מען שפירט עס יא צו נישט, עס איז נישט קובע, אבער אזוי גלייבן מיר. א-ל מוציאם ממצרים (במדבר כג-כב), יעדעס יאר איז דא די בחינה וואס דער אייבערשטער איז מוציא א יוד פון מצרים (עיין **באור החיים הק'** שם). בעצם זיין נפש שטייט היינט אויף א העכערע דרגא ווי עס איז געווען פאר פסח.

**און** אויף דעם האט מען אונז געגעבן די ימי הספירה, יעדן טאג מוסיף צו זיין נאך א מדריגה, מיר זענען שוין אדורכגעגאנגען א וואך אין די ספירה, וואס אין די וואך האט מען זיך מקדש געווען יעדן טאג מיט א מדריגה העכער, און דאס דארף אים צוברענגען אז ביז מתן תורה זאל מען שטייגן מער און מער.

**וואס** איז די עצה אז מען זאל נישט פארלירן די קדושה וואס מיר האבן. מען גייט דאך ארויס יעצט אויף די גאס, מען גייט ארויס צו א וואכענדיגע לעבן, עס קומט נאך דערצו א זומער, וואס איז נאך א שווערערע זמן. ווי אזוי קען מען זיך האלטן ביי די ערליכקייט וואס ער שטייט יעצט? דאס איז דער לימוד התורה! בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:). לימוד התורה איז א תבלין אקעגן דעם יצר הרע. אזוי ווי מען האט פריער גערעדט, ער מוז עס נישט שפירן, ער מוז עס נישט זעהן, ער מוז עס נישט קענען אנטאפן מיט די הענט, אבער עס איז א תבלין אקעגן דעם יצר הרע, ווען ער האט נישט דעם שיעור וואלט ער אויסגעזעהן אסאך ערגער! יעדער יוד דארף קובע זיין עתים לתורה אין די פרייע צייט, און נישט אנברענגען קיין צייט פאר שטותים, זאכן וואס גייען אדורך, וואס מען האט נישט דערפון קיין שום נוצן א טאג שפעטער. אויסנוצן די צייט אויף לימוד התורה, קובע זיין זיך א שיעור. די וואס האבן שיעורים זאלן אנהאלטן די שיעורים, זיי זאלן זיך מחזק זיין דערין. און די וואס האבן נישט, זאלן זיך צושטעלן.

**איך** האב כמה פעמים גערעדט, עס איז היינט דא חבורות און שיעורים אין וואס פאר א מקצוע א יוד וויל, וואס פאר א מסכתא דאס הארץ גליסט אים, האט ער נישט קיין תירוץ אז ער קען זיך נישט צושטעלן צו עפעס א שיעור וואס ער זאל קענען ווייטער ממשיך זיין. ביי אונז אין די קהלה איז דא די חבורה פון 'ובהם נהגה', מען קען זיך צושטעלן דערצו.

**עס** איז נישט נאר געזאגט געווארן פאר בעלי בתים דווקא, עס איז געזאגט געווארן פאר בחורים אויך, מען לערנט טאקע א גאנצען טאג אין די ישיבה און

מען האט זיך זיינע שיעורים, אבער עס איז דא אזויפיל פרייע צייט, וואס אויסער די סדרי הישיבה דארף יעדער בחור האבן פאר זיך אן עקסטערע מסכתא צוצולערנען. אדער איז עס צו לערנען ובהם נהגה, אויב ער וויל לערנען א עמוד א טאג. און אויב ער וויל לערנען א בלאט א טאג, איז דא דרשו און אזוי ווייטער. אויסנוצן די צייט וואס מען האט, אויף לימוד התורה.

**אז** מען רעדט שוין פון אויסנוצן די צייט אויף תורה ביי בחורים, איז דא נאך א ענין. אין די צייט וואקסט מען דאך, אין די צייט דארף מען קונה זיין יראת ה' אויפן גאנצן לעבן. נישט לאזן ליידיג די שבתים, זיך צוזאמקומען שבתים צוזאמען, זינגען זמירות און זיך דערהייבן אביסל אין דעם שבת. זיך צוזאמקומען ליל שישי'ס, ווארימע שמועסן איינער מיטן אנדערן. מען זאל זיך קענען דערהייבן, אז מען זאל קענען נתעלה ווערן.

**'תורה** שבכתב' וואס א גרויס טייל פון די בחורים לערנען, און מען לאזט זיך פארהערן, דארף יעדער פרובירן מיטצוהאלטן דערמיט. כאטש אדורכלערנען חומש רש"י יעדע וואך, דאס איז דער מקור פון די תורה. אז מען קען גוט חומש רש"י, קען מען איבעראל זיך רירן. אין די גאנצע תורה וואו מען קומט אן, ווייסט מען פון וואס מען רעדט, מען ווייסט וואס די מצות פונעם אייבערשטען זענען, און וואס א יוד דארף מקיים זיין.

**מען** האט צוגעגעבן דערצו די פירוש המילות פונעם דאווענען, מען דארף קענען פירוש המילות, מען דארף וויסן יעדע זאך וואס מען זאגט, וויסן וואס ער רעדט. עס איז נישט שייך קיין ולעבדו בכל לבבכם, צו דינען דעם אייבערשטען מיטן הארץ, איזהו עבודה שבלב זו תפלה, אז מען ווייסט נישט וואס מען זאגט. ווי חשוב עס איז אז מען קען יעדעסווארט וואס מען זאגט ביים דאווענען, מען ווייסט די פירוש המילות דערפון.

*

**מען** שטייט פאר זומער. זומער איז א שווערער זמן, מען גייט אין קאנטרי, עס האט אסאך מעלות אויב עס ארבעט זיך אויס גוט, און עס האט אסאך חסרונות אויב עס ארבעט זיך נישט אויס גוט. עס ווענדט זיך וואו מען קומט אן. קומט מען אן אויף א פלאץ ווי עס איז נישט דא קיין ראש, עס איז נישט דא דארט איינער וואס זאל זיך אומקוקן אויף דעם פלאץ, און עס איז א חבורה פון שוואכע יונגעלייט, קלעבט זיך עס אן. עס איז דא מוצאי שבתים און זונטאגס, מען הייבט אן צו ווערן אראפגעשלעפט פון די חברים. מען רעדט נישט נאר פון די מענער, מען רעדט אויך פון די בני בית וואס זיצן א גאנצע וואך צוזאמען, און מען הערט נאר אויס יענעם'ס דיעות, און מען רעדט א גאנצן טאג. עס איז אינו דומה וועןמען גייט צו א פלאץ וואס איז ארומגענומען מיט בני תורה, וואס איז ארומגענומען מיט א ערליכע אטמאספער, און אלעס איז אויסגעהאלטן ווי עס דארף צו זיין, מען ווערט נתעלה. מען האט פרייע צייט צו לערנען, און מען הערט דברי תורה, און דער שמועס איז א תורה'דיגער שמועס, און די הנהגה וואס מען לערנט זיך איינער פונעם אנדערן, איז תורה'דיג. - און יעצט איז די צייט, שפעטער אין זומער איז שוין דערנאך. ווען מען האלט יעצט ביים קובע זיין א פלאץ וואו ער וועט זיין אין משך פונעם זומער, דארף מען נעמען אינעם חשבון אז דער זומער זאל זיין א זמן וואס עס זאל זיין א התעלות, ער זאל קענען שטייגן, נישט אז עס זאל אים ח"ו ברענגען א ירידה.

**דורכדעם** וואס מיר וועלן טון וואס מיר קענען, זיך אוועקגעבן פאר תורה און תפלה, האפן מיר אז דער אייבערשטער וועט מאכען א דילוג, אפילו אונז האלט מיר נאכנישט ביי דעם בעתה, אבער עס זאל זיין אחישנה, דער אייבערשטער זאל נעמען דעם טאג פון די גאולה, און עס ברענגען אויף פריער. יגיענו למועדים ולרגלים אחרים הבאים לקראתנו לשלום, דער אייבערשטער זאל עס צוברענגען לקראתנו, פאר אונז.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, מען זאל זיך קענען מיטנעמען פון דעם הייליגען יום טוב די געוואלדיגע אמונה וואס מען האט קונה געווען. מען זאל שטענדיג טראכטן און געדענקען, איך בין ארומגענומען מיט א גוטן שומר, דער אייבערשטער שטייט און היט מיך! דער אייבערשטער פירט אויס אלע זאכן וואס איך דארף צו האבן! איך דארף זיך נאר ווענדן צו אים, און מתפלל זיין צו אים. ווען א

יוד איז דבוק אינעם אייבערשטען, פעלט אים גארנישט, ער האט א רוהיג לעבן, ער איז זיך קיינמאל נישט מצער, און ער מאכט נישט קיין חשבונות מיט קיין מענטשן, גארנישט אינטערעסירט אים נישט, ווייל ער ווייסט אז קיינער קען אים נישט שלעכטס טון, קיינער קען נישט צורירן וואס ער האט, אין אדם נוגע במה שמוכן לחבירו, קיינער קען נישט צורירן צו וואס עס איז אנגעגרייט פארן חבר, השלך על ה' יהבך, ער ווארפט זיך ארויף אויפן אייבערשטען.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אונז זאל מיר קענען מיטנעמען פון דעם יום טוב השפעות גשמיות און רוחניות. גשמיות שטייט דאך אויך, אז אין דעם יום טוב פון פסח איז א זמן וואס עס ווערט נשפע פרנסה פאר א גאנץ יאר. קשה פרנסתו של אדם כקריעת ים סוף (פסחים קיח.), קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף (סוטה ב.). מען האלט דאך ביי קריעת ים סוף, זאל דער אייבערשטער געבן, אז אלע פרנסות פון יודען זאלן נתעלה ווערן ברום המעלה, מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב. די וואס דארפן זיווגים זאל דער אייבערשטער צושיקן אי"ה זיווגים בקרוב, און די וואס האבן זיווגים, זאל דער זיווג אנהאלטן מיט א שלום ווי א יודישע שטוב דארף אויסצוקוקן. אלעס ווערט דאך נשפע אין דעם יום טוב פון דעם פסח. זאל מען זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>יום שני פרשת שמיני</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **לייב ראזענבערג** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו לפאלם ספרינגס למנוחה.